**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 5-יעריגן ארבעטסקראפט אפמאך מיט ציווילע סערוויס ארבעטער אסאסיעשען

***קאנטראקט באשטעטיגט מיט איבערוויגנדע CSEA מיטגליד שטיצע***

***CSEA דעקט איבער 52,000 ניו יארק סטעיט ארבעטער, איינע פון די גרעסטע פובליק ארבעטער יוניאָנס אין דעם סטעיט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס שליסן א פינף-יעריגע ארבעטסקראפט אפמאך מיטט דעם ציווילע סערוויס ארבעטער אסאסיעשען, CSEA, וועלכס רעכנט אריין איבער 52,000 ניו יארק סטעיט ארבעטער אין פארשידענע ערליי ראלעס. דער אפמאך, וואס לויפט ביז אפריל 1, 2026, האט געווינען צושטימונג פון איבער 80 פראצענט פון CSEA מיטגלידער וועלכע האבן אריינגעגעבן א בעלאָט אין שטים-קאסטן.

״דער קאנטראקט טוט יושר׳דיג צוריקצאלן די שווער-ארבעטנדע לייט פון די ציווילע סערוויס ארבעטער אסאסיעשען וועלכע העלפן ליפערן די קריטישע סערוויסעס צו ניו יארקער יעדן איינציגן טאג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך דאנק פרעזידענט סוליוואן פאר איר צוזאמארבעטשאפט אין ברענגען דעם אפמאך צום שליס און פאר׳ן זיכער מאכן אז עס אנערקענט די ווערדפולעביישטייערונגען פון CSEA מיטגלידער צו אונזער גרויסן סטעיט.״

דער באשטעטיגטער קאנטראקט אנטהאלט געהאלט-העכערונגען פאר יעדעס יאר פון דעם אפמאך אויף 2 פראצענט פאר די ערשטע צוויי יאר און 3 פראצענט פאר די פארבליבענע דריי יאר. אין צוגאב רעכנט אריין דער קאנטראקט אנדערע העכערונגען אין פארגוטיגונג ווי צ.ב.ש. אן איינמאליגע באנוס סומע פון 3,000 דאלער און ענדערונגען אין ווי לאנג עס וועט אנהאלטן אלס רעזולטאט פון ענדערונגען אין דעם העלט אינשורענס פראגראם וואס וועט מוטיגן אינ׳ם-נעטוואָרק ארבעטער אנטיילנעמונג און העלפן קאנטראלירן געזונטהייט אינשורענס קאסטן. דער קאנטראקט אנטהאלט אויך פינאנצירונג פאר ארבעטסקראפט-פארוואלטונג קאמיטעען.

**ציווילע סערוויס ארבעטער אסאסיעשען פרעזידענטקע מערי אי. סוליוואן האט געזאגט,** ״איך וויל נאכאמאל דאנקען אונזערע פארהאנדלער מאנשאפט פאר זייער שווערע ארבעט און טריישאפט צו

ליפערן דעם נייעם סטעיט קאנטראקט. דער אפמאך איז באשטעטיגט געווארן מיט אן איבערוויגנדיגער מערהייט פון אונזער מיטגלידערשאפט און לענגאויס אלע פיר פון אונזערע עקזעקיוטיוו צווייג פארהאנדלונג איינהייטן.״

CSEA פארטרעט איבער 52,000 ניו יארק סטעיט ארבעטער אין פיר פארהאנדלונגס איינהייטן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418